23 דיך אויף אונז! ישוע אָבער האָט צו אים געזאָגט:
אויב דו ביסט בכח! אַלץ איז מעגלעך פֿאַר דעם,
24 וואָס גלויבט. גלייך האָט דער פֿאָטער פֿון דעם
ייִנגל אַ געשריי געטון, און געזאָגט: איך גלויב;
25 העלף מײַן אומגלויבן! און ווי ישוע האָט געזעען,
אַז אַ המון מענטשן לויפֿט זיך צונויף, האָט
ער אָנגעשריגן דעם אומריינעם גייסט, זאָגנדיק
צו אים: דו שטומער און טויבער גייסט, איך
באַפֿעל דיר: גיי פֿון אים אַרויס, און זאָלסט מער
26 נישט אַרײַנגיין אין אים! און ער האָט אַ געשריי
געטון, און האָט אים זער פֿיל געריסן, און איז
אַרויסגעגאַנגען; און ער איז געוואָרן ווי טויט, אַז
27 אַ רבים האָבן געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן! ישוע
אָבער האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט, און
אים אויפֿגעהויבן; און ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט.
28 און ווען ער איז אַרײַנגעגאַנגען אינם הויז,
האָבן זײַנע תּלמידים, גאַנץ אַליין, אים געפֿרעגט:
פֿאַרוואָס זענען מיר נישט געווען בכח אים
29 אַרויסצוטרייבן? און ער האָט צו זיי געזאָגט:
דער דאָזיקער מין (בייזע גייסטער) קען בשום
אופֿן נישט אַרויסגיין, אַ חוץ דורך תּפֿילה און
תּעניתים.

30 און זיי זענען פֿון דאָרטן אַוועק, און זענען
געגאַנגען דורך גליל; און ער האָט נישט געוואָלט,
31 אַז עמיצער זאָל עס וויסן. וואָרום ער האָט געלערנט
זײַנע תּלמידים, און צו זיי געזאָגט: דער בן־אדם
וועט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פֿון
מענטשן, און זיי וועלן אים טייטן; און זייענדיק
געטייט, וועט ער אין דריי טעג אַרום ווידער
32 אויפֿשטיין. זיי אָבער האָבן נישט פֿאַרשטאַנען
דאָס וואָרט, און האָבן זיך געפֿאַרכטן אים צו פֿרעגן.